בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא

294

תשפ"ג

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע״י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע״י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן חַבַּ"ד?..............................................א

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

ווִי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִירְן מִיט עֶנְק..........א

אֲפִילוּ בִּיסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טוּן אַסַאךְ, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְן..............ג

דֶערְצֵיילְט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פוּן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן פַאר עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ ...............ד

זַייט אִיר מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַאר דִי לֶעבְן ..........................................ה

אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִי כָּבוֹד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, קֶענְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה..............ו

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער ........................................................................ז

אַ לֶערֶערִין מוּז נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר עֶרְנְסְט.......................................ז

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז יֶעדְן טָאג מֶער פוּן אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן ..............ח

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן .............................ח

בִּזְכוּת הֲפָצָה וֶועט עֶר הָאבְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ........................................ט

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדֶערְפְרִי, וֶועט דֶער טָאג אִין חֶדֶר זַיין גָאר אַנְדֶערְשׁ ...................י

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ דְרֵייוְן.........................................י

מֶען מֶעג זָאגְן לִיגְנְט כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם......................................יא

דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מְחַזֵק אוּן מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים.....יב

עֶנְדֶערְשׁ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, ווִי אֵיידֶער בְּלַייבְּן
אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט ..............................................................יב

זַיי מְחַזֵק דִי אִינְגֶעלֵייגְט פוּן כּוֹלֵל זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ .............................יג

מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ מֶען הַאלְט זְמַנִים..........................................יד

דִי קְרַאךְ פוּן דִי בֶּענְק ........................ יד
זִיךְ גוּט צוּהֶערְן וָואס דִי לֶערֶערִינְס לֶערְנֶען ........................ טז
זָאל מֶען קַנְס'נֶען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פּוּרִים מִיט אַ טִישׁוּרְט? ........................ טז
עֶס אִיז נִישְׁט חִסָרוֹן אֱמוּנָה צוּ וַויינֶען וָוען עֶפֶּעס טוּט וַויי ........................ יז
אָפְּהַאלְטְן פוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער מִיט כַּעַס ........................ יח
הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוְוע מִיךְ פוּן כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער ........................ יח
נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה ........................ יט
חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק ........................ כ
מֶען קֶען רֵיינִיגְן דִי טוּיס פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן דָאס נוּצְן פַאר פֶּסַח ........................ כ
תְּהִלִים דֶערְקְוִויקְט דִי נְשָׁמָה ........................ כא
נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וָוען מֶען זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער וֶוערְן פַארְטְרַאכְט אוּן פַארְשְׁפִּילְט ........................ כא
בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שֵׁיינֶע רוּאִיגֶע יוֹם טוֹב ........................ כב
דִי קְרַאךְ פוּן דִי בֶּענְק ........................ כג
אֵיין סֵפֶר, אֵיין קוּנְטְרֵס וָואס מֶען אִיז מֵפִיץ טוּט אַסַאךְ מֶער אוֹיף ........................ כד
גֶעבְּן דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וַואקְלְדִיג ........................ כה
אַז דִי בָּחוּרִים רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט נִיבּוּל פֶּה, זָאל עֶר פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן ........................ כו
מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל ........................ כו
אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאס לֶעבְּן זִיס ........................ כז
דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי פָּשׁוּט'ע אִידְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כז
הֶעלְפְן דֶעם מַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה ........................ כט
אַז מֶען קוּמְט פִּינְקְט אִין צַייט, אִיז דֶער דַאוְוענֶען אַ מְחַיֶ' ........................ ל
דִי אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן וֶועלְן זוֹכֶה זַיין ........................ ל
שַׁבָּת אִיז דֶער מְקוֹר פוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן דֶער יְסוֹד פַאר אוֹיפְצִיעֶן
עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת ........................ לא
אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען אַלֶעס ........................ לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין וַוייבּ הֶערְט שִׁיעוּרִים פוּן חַבַּ״ד?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

לֶעצְטֶע יָאר בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים פוּן חַבַּ"ד. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶען פוּן אֵיינֶע פוּן דִי מַשְׁפִּיעִים אַז חַבַּ"ד אִיז שֶׁקֶר, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, ט״ז אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אַז חַבַּ״ד אִיז שֶׁקֶר, וֶוער עֶס זָאגְט אַזוֹי - דֶער אִיז שֶׁקֶר, גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג פוּן דִי וָואס רֶעדְן שֶׁקֶר.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאפְרַיינְדֶעט מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַזוֹיפִיל סִיפּוּרִים אִיז דָא פוּן דָאס לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי צַדִּיקִים; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַארְן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק אַהֵיים פָארְן וֶועט עֶר גְלַייךְ גֵיין צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן זֵיי, אוּן אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי גֶעטוּן; גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק, נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם בַּעַל הַתַּנְיָא

און עֶר אִיז דָארְט אוֹיפְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן רסד; שיח).

אוֹיךְ אִיז דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעקוּמֶען אוֹיף אַ שַׁבָּת צוּם רֶבִּי'ן (שַׁבָּת פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תק"ע). וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעפָארְן מִיט אַסַאךְ תַּלְמִידִים אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, און דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט וְכוּ' (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתצב).

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן דִי מַחֲלֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט ווִי דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק רֶבִּי נַחְמָן, נָאר אִיךְ מִיט אִים זֶענֶען אֵיינְס, וֶוער עֶס טְשֶׁעפֶּעט רֶבִּי נַחְמָן טְשֶׁעפֶּעט מִיר וְכוּ'".

חַס וְחָלִילָה צוּ זָאגְן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ קְלָאר אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח), מוֹהֲרַנְ"תּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין צִימֶער אַלֶע סִפְרֵי חַבַּ"ד און זֵיי אַלֶע גֶעלֶערְנְט, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְרִימֶען זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, און אַז דַיין וַוייבּ הָאט חַיוּת אִין סִפְרֵי חַבַּ"ד - זָאלְסְטוּ אִיר מְחַזֵּק זַיין זִי זָאל וַוייטֶער נֶעמֶען אִירֶע חִיזוּק פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים. אַלֶע סְפָרִים הָאבְּן אֵיין צִיל - בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְוַוייזְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן און מְיוּאָשׁ, עֶר זָאל נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אֵיינֶע פוּן דִי בֶּענְדֶער לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אָב אֶחָד לְכֻלָּנוּ", מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין טַאטֶע; אַזוֹי ווִי צוּ זָאגְן אַז אַלֶע סְפָרִים פוּן אַלֶע צַדִּיקִים בְּרֶענְגֶען אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִּירְן מִיט עֶנְק**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דוּ בִּיסְט מְחַיֶּ׳ דִי וֶועלְט, אַלֶע הָאבְּן חִיזוּק פוּן דִיר, אַלֶע זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה. וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוִויסְט וָואס פַּאר אַ זְכוּת דוּ הָאסְט, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן טוּעֶן תְּשׁוּבָה בִּזְכוּת דִיר, וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן לֶעבְּן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת, מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וָואלְסְטוּ גֶעטַאנְצְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**דִי וָואךְ וִויל אִיךְ שְׁרַייבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בֶּן אִישׁ חַי, פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר בֶּן יְהוֹיָדָע** (עַל מַסֶּכֶת בָּבָא מְצִיעָא דַף לג).

**קִינְדֶער יֶעצְט זֶענְט עֶטְץ דִי קִינְדֶער, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זַיין דִי עֶלְטֶערְן. וִויל אִיךְ אַייךְ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיר וֶועט זִיךְ לֶערְנֶען דֶערְפוּן אַז וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן - אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער זִיךְ פִּירְן מִיט עֶנְק.**

**עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר וָואס הָאט גֶעהַאט אַן אַלְטְן טַאטְן אַן אָרֶעמַאן, דֶער גְבִיר הָאט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין טַאטֶע, עֶר הָאט**

אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁלָאפְן אִין גַאס מִיט אַנְדֶערֶע אָרֶעמֶעלַייט.

וַיְהִי הַיּוֹם, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווִינְטֶער, זֵייעֶר אַ קַאלְטֶע טָאג, וֶוען דֶער אַלְטֶער טַאטֶע אִיז גֶעזִיצְן אִין גַאס פְרִירְנְדִיג פַאר קֶעלְט, אִיז דָארְט אַרִיבֶּער זַיין אֵיינִיקְל - אַ זוּן פוּן דֶעם גְבִיר, הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעבֶּעטְן זַיין אֵיינִיקְל: "אִיךְ בֶּעט דִיר, גֵיי בֶּעט דַיין טַאטֶע זָאל אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן מִיר שִׁיקְן אַ וַוארֶעמֶע מַלְבּוּשׁ אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר קֶעלְט דָא אִין גַאס". דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אוּן גֶעבֶּעטְן: "טַאטֶע, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיידִי; זֵיידִי בֶּעט אַ וַוארֶעמֶע קְלֵייד", הָאט דֶער גְבִיר גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "גֵיי אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בּוֹידֶעם, דָארְט הָאבּ אִיךְ אַן אַלְטֶע קְלֵייד וָואס אִיךְ דַארְף סַיי וִוי נִישְׁט, דָאס קֶענְסְטוּ טְרָאגְן פַארְן זֵיידְן".

דֶער זוּן אִיז אַרוֹיף אִין בּוֹידֶעם אוּן גֶעטְרָאפְן אַן אַלְטֶע קְלֵייד, פוּל מִיט רִיסְן אוּן גְרוֹיסֶע לֶעכֶער, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ שֶׁערְל, אַיינְגֶעקְנֵייטְשְׁט דֶעם קְלֵייד אוּן דָאס צֶעשְׁנִיטְן אִין הַאלְבּ. וֶוען זַיין טַאטֶע - דֶער גְבִיר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער זוּן קוּמְט נָאכְנִישְׁט אַרָאפּ, הָאט עֶר אַרוֹיפְגֶעשְׁרִיגְן צוּם בּוֹידֶעם: "וָואס טוּסְטוּ אַזוֹי לַאנְג אִין בּוֹידֶעם? גֵיי שׁוֹין מִיט דֶעם קְלֵייד צוּ מַיין טַאטֶע!" דֶער זוּן הָאט זִיךְ אָבֶּער וַוייטֶער פַארְזוֹימְט, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁנַיידְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ זַיין טַאטֶע מִיט אֵיין שְׁטִיקְל קְלֵייד, הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ צֶעשְׁנִיטְן דֶעם קְלֵייד אוֹיף צְוֵויי שְׁטִיקְלֶעךְ?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין טַאטֶע: "אֵיין שְׁטִיקְל לֵייג אִיךְ אַוֶועק פַאר דִיר, וֶוען דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן אַלְטֶער מֶענְטְשׁ וֶועל אִיךְ דִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען ווִינְטֶער אוּן דוּ וֶועסְט זַיין קַאלְט - וֶועל אִיךְ דִיר שִׁיקְן דֶעם צְוֵוייטְן חֵלֶק פוּנֶעם קְלֵייד".

הָאט דֶער טַאטֶע זִיךְ גֶעכַאפְּט בַּיים קָאפּ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶערוּפְן זַיין אַלְטְן טַאטְן, עֶר הָאט אִים אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, און וֶוען מִיר וֶועלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאצָאלְן מִיט נַחַת, מִיר וֶועלְן אוֹיךְ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְז.

לָאמִיר זִינְגֶען: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא גוּטֶע טַאטֶע און מַאמֶע".

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל מַאכְן אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער איד מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, נֶעבְּן אִים שְׁטֵייט אֵיינֶער אָנְגֶעטוּן ווִי אַ גְּבִיר. דֶער אַלְטֶער אִיד שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין הַאנְט, עֶר בֶּעט צְדָקָה, און דֶער אִיד שְׁטֵייט קַאלְטֶערְהֵייט מִיט דִי הֶענְט אוֹיף דִי לֶענְדְן, און אִין דִי זַייט אַ אִינְגְל מִיט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁערְל, שְׁנַיידְט אַ סְחוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

אֲפִילוּ בִּיסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טוּן אַסַאךְ, זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען, וֶועלְן
און הָאפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט ווִי עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ צוּ טוּן אַסַאךְ - דָאךְ זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען, וֶועלְן און הָאפְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

עֶס אִיז בַּאוְויסְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר שִׁבְחֵי הָאֲרִיזַ"ל - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיב עֶר קֶען דָאס בָּארְגְן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "יָא", און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמֵייכְלְט און גֶעזָאגְט: "אָבֶּער זָאלְסְט נִישְׁט זַיין ווִי דִי חֲסִידִים וָואס בָּארְגְן אַ סֵפֶר און פַארְגֶעסְן עֶס צוּרִיק צוּ גֶעבְּן".

רֶבִּי נָתָן אִיז אַרִיבֶּער דֶעם סֵפֶר אַפָּאר מָאל און צוּ מָארְגְנְס הָאט עֶר דָאס

צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט. דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט אִים: "וָואס הָאסְטוּ גֶעזֶען אִינֶעם סֵפֶר?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "צְוֵויי זַאכְן. אֵיינְס, דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל אַז אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר קֶען אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא מִיט מִיעוּט פְּעוּלוֹת, מִיט וֵויינִיג טוּן", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "יָא יָא, מִיט וֵויינִיג טוּן אָבֶער מִיט אַסַאךְ בֶּענְקֶען", אוּן דֶער רֶבִּי פְּרֶעגְט אִים: "וָואס אִיז דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: "עֶס שְׁטֵייט אִינֶעם סֵפֶר, וִוי מֶער דֶער אֲרִיזַ"ל הָאט אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִּים וִויטַאל - אַלְץ מֶער אִיז עֶר גֶעוָוארְן בַּיי זִיךְ כְּלֹא כְּלוּם, וִוי גָארְנִישְׁט, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶער פַארְוָואס זַיין רֶבִּי רֶעדְט פוּן אִים", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן אוּן אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אִיךְ זָאג זִיךְ, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים. דֶער עִיקָר וִויל אִיךְ זָאלְסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם סִיפּוּר דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת דוּרְךְ וֵויינִיג טוּן אָבֶער דוּרְךְ אַסַאךְ בֶּענְקֶען".

דִי וָואךְ גֵייעֶן מִיר עֶנְדִיגְן סֵפֶר שְׁמוֹת. דִי וָואךְ גֵייט צְוֵויי פַּרְשִׁיּוֹת, וַיַּקְהֵל אוּן פְּקוּדֵי, אִיז גוּט שׁוֹין הַיינְט זוּנְטָאג אָנְצוּהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי וָואךְ. אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, מֶען וֶוערְט גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶערְצֵיילְט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פוּן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן פַארְן עֶנְדִיגְן דֶעם שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דֶערְצֵיילְט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְט פוּן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן; לָאזְט דִי שִׁידוּךְ זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, אוּן נָאךְ אַייעֶר חֲתוּנָה וֶועט אִיר קֶענֶען דֶערְצֵיילְן פַּאר אַייעֶר מַאן אַלֶעס וָואס לִיגְט אַייךְ אוֹיפְן הארְץ. יֶעצְט אַז מֶען הַאלְט נָאךְ פַארְן פַארְמַאכְן דִי שִׁידוּךְ - זָאלְט אִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אוּן זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶעטְ'ן.

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים קֶענְט אִיר שׁוֹין אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, אוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְט אִיר אַלֶעס דֶערְצֵיילְן. דֶער וָואס שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער לֶעבְּט אַ גַן עֵדֶן לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט, אַ טַעַם אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַייט אִיר מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַּאר דִי לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט צוּ אִיר, זַייט אִיר מַסְבִּיר אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר פַיינְט אוּן דָאס אִיז שֶׁעדְלִיךְ פַּאר דִי לֶעבְּן.

זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; שׁוּלְדִיג אִיז דִי חִינוּךְ, דִי חִינוּךְ אִיז פַארְדָארְבְּן; מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען רֶעדְט נָאר פוּן זַאכְן וָואס בְּרֶענְגְט כָּבוֹד פַּאר דִי מוֹסָד, אוּן ווִי מֶער מֶען קֶען מְשׁוּגָע מַאכְן דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט פַּאר דִי לֶעבְּן.

זַייט מְחַזֵק אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין, זָאגְט אִיר זִי זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דוּ ווילְסְט זיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִי כָּבוֹד פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, קֶענְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט יֶעצְט בַּאשְׁמוּצְט מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ וויסְנְדִיג צוּ מַאכְן פוּן דֶעם, עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט גֶעזוּנְט בְּנֶפֶשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לב.): ״שַׁבְקֵיהּ לְרַוְיָא דְּמִנַּפְשֵׁיהּ נָפִיל״, דַארְפְסְט נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן אַ שִׁיכּוֹר, לָאז אִים אַלֵיינְס אַרָאפְּפַאלְן; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ.

אַ צַדִּיק בְּלַייבְּט צַדִּיק. וויפִיל מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס - בַּיים סוֹף בְּלַייבְּט דֶער אֱמֶת, אוּן פוּנֶעם שֶׁקֶר בְּלַייבְּט גָארְנִישְׁט. אַז דוּ וֶועסְט דוּרְכְלֵיינֶען דֶעם אַרְטִיקְל וֶועסְטוּ זֶען אִינֶעם גַאנְצְן אַרְטִיקְל שְׁטֵייט נִישְׁט קַיין אֵיין וָוארְט שְׁלֶעכְט אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ, עֶר בַּאשְׁמוּצְט זִיךְ אַלֵיינְס.

אַז דוּ ווילְסְט זיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַאר זַיין כָּבוֹד - קֶענְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, נָאר דָאס אִיז זִיךְ אָנֶעמֶען, זִיךְ קְרִיגְן אִיז נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, אוּן עֶנְטְפֶערְן אַ נַאר טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט. אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, ד): ״אַל תַּעַן כְּסִיל כְּאִוַּלְתּוֹ״, זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אַ נַאר מִיט זִיךְ קְרִיגְן, ״פֶּן תִּשְׁוֶה לּוֹ גַם אָתָּה״, טָאמֶער וֶועסְטוּ אוֹיךְ וֶוערְן אַזוֹי ווִי אִים.

גֵיי הֲפָצָה מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דְבָרִים שֶׁבֵּינָהּ לְבֵינוֹ, אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

דוּ גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דַיין קָאפּ, דַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה - זָאל טְרַאכְטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְסְטוּ גוֹרֵם זַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ לֶערֶערִין מוּז נֶעמֶען דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר עֶרְנְסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן אַז עֶס אִיז דָא לֶערֶערִינְס וָואס נֶעמֶען נִישְׁט עֶרְנְסְט דִי אַרְבֶּעט אִין בֵּית פֵיגֶא; מֶען קוּמְט אוּן מֶען גֵייט, מֶען טוּט וָואס מֶען וִויל, לוֹיט דִי בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן אַ בַּארִיכְט פוּן יֶעדֶע לֶערֶערִין וָואס קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ. מִיר גֵייעֶן יֶעצְט נָאךְ פֶּסַח מַחְלִיט זַיין וֶוער עֶס וֶועלְן זַיין קוּמֶענְדִיגֶע יָאר דִי לֶערֶערִינְס אִין בֵּית פֵיגֶא, מִיר וֶועלְן נָאר נֶעמֶען לֶערֶערִינְס וָואס נֶעמֶען אָן זֵייעֶר אַרְבֶּעט זֵייעֶר עֶרְנְסְט.

יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר גֵיין צוּם פֶענְסְטֶער פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ, אַרוֹיפְקוּקְן צוּם הִימְל אוּן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הוֹיבְּט אָן מִיט דַאנְקֶען, דַאנְקְט אִים פַאר אַייעֶר שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן בֶּעטְס אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז יֶעדְן טָאג מֶער פוּן אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְשִׁיבָה קְטַנָּה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ דַאנְק דִיךְ זֵייעֶר פַארְן הֶעלְפְן אִין שׁוּל, דִי גַבָּאִים שְׁרַייבְּן מִיר אַז דוּ הֶעלְפְסְט אִין שׁוּל; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶעלְפְן רֵיינִיגְן אַ שׁוּל.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; יֶעצְט בִּיסְטוּ יוּנְג - זָאלְסְטוּ אוֹיסְנוּצְן דַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְוענֶען, מַאךְ נִישְׁט קַיין בִּיזְנֶעס, מַאךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט. וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן, יֶעצְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז יֶעדְן טָאג מֶער וֶוערְד פוּן אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן.

אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין אָפְּגֶעמַאטֶערְט פוּן לֶערְנֶען, דוּ ווילְסְט זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן - זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, גֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דִי גֶעלְט גֶעב פַאר דִי יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער, דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער - דַארְף נִישְׁט אַרְבֶּעטְן; עֶס אִיז נִישְׁט אִיר זָארְג צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוּן אוֹיסְהַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ. דֶער מַאן, עֶר שְׁרַייבְּט אוּנְטֶער דִי כְּתֻבָּה אַז עֶר וֶועט בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ שְׁפַּייזְן דִי שְׁטוּבּ.

אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער דִי אַרְבֶּעט, אִיר קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ אוּן מַאכְן עֶסְן פַאר דִי מַאן אוּן קִינְדֶער - וָואס דַארְפְט אִיר אַרְבֶּעטְן?

יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין קִינְדֶער - אִיז גוּט זֵיי זָאלְן אַרְבֶּעטְן, זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט, נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג, אוּן וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער - אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ פַארְן מַאן, דָאס אִיז רָצוֹן הַשֵּׁם.

אִיר ווְאוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, זָאלְט אִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֵייט יֶעדְן טָאג אַ שְׁפַּאצִיר צְווִישְׁן דִי גְרָאזֶעלֶעךְ אוּן דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן בֶּעטְס אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בִּזְכוּת הַפָּצָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווְאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי שְׁטוֹיבּ פוּן דִי צַדִּיקִים, דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים; עֵצוֹת, שֵׂכֶל אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען טוּן, אַרַיינְבְּלָאזְן אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט אִין נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; דָאס וֶועט צוּאַיילְן דַיין שִׁידוּךְ.

גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר הַבָּחוּר הֶחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר, וַוייז אִים דֶעם בְּרִיוו, זָאג אִים בִּזְכוּת הֲפָּצָה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדֶערְפְרִי, וֶועט דֶער טָאג אִין חֵדֶר זַיין גָאר אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּקִרְיַת בְּרֶסְלֶב הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לִיבֶּערְטִי**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז דוּ וֶועסְט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת אִינְדֶערְפְרִי, אֵיידֶער דוּ גֵייסְט אִין חֵדֶר - וֶועט דֶער טָאג זַיין גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן - וֶועט דִיר אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער.**

**בְּנוֹגֵעַ דִי דִירָה וְכוּ'; רֶעד צוּ הָאַבְרֵךְ מָרְדְּכַי אַהֲרֹן נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעשְׁטֶעלְט עֶר זָאל צוּשְׁטֶעלְן דִירוֹת פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

## עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ דְרֵייוְון

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ קֶענְסְט מַאכְן לֵייסֶענְס צוּ דְרֵייוְון אַ קַאר, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ דְרֵייוְון. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט עֶס אִיז גוּט צוּ דְרֵייוְון** (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, דִי עֶרְשְׁטֶע שִׂיחָה אִין דִי צְווֵייטֶע חֵלֶק).

**גֶעבּ אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט צוּ רֵייצְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן. זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן, רֶעד נִישְׁט פוּן דִי זַאךְ פוּן הָאבְּן לֵייסֶענְס, וַוייל עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אוֹיבּ מֶען מַאכְט צַעַר פַאר דִי עֶלְטֶערְן. אַז זֵיי קוּקְן דָאס אָן וְוִי מֶען פָארְט אָפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן אוּן זָאגְן מֶען מֶעג יָא; מֶען טָאר נִישְׁט טַעְנָה'ֶען מִיט עֶלְטֶערְן.**

**קֶענְסְט נֶעמֶען גֶעלְט פוּן הַפְּצָה פַאר אַלֶע דַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן; יֶעדְן עֶנְדֶע טָאג זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וְויפִיל גֶעלְט דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט, נֶעם אַרָאפּ**

מַעֲשֵׂר אַזוֹי ווי מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן אַ גֶעהַאלְט; דִי מַעֲשֵׂר גֶעב פַאר צְדָקָה אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט אִיז דַיינְס.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה, וֶועסְטוּ אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען מֶעג זָאגְן לִיגְנְט כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זָאג דַיין וַוייבּ זָאל גֵיין צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַזוֹי ווִי זִי גֵייט אִין שְׁטוּבּ. אֲפִילוּ דִי וָואס גֵייעֶן מִיט אַ שֵׁייטְל - גֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַ טִיכְל; זָאל זִי אַזוֹי גֵיין, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אִיר אוֹיפְנֶעמֶען שֵׁיין.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג זָאלְסְט ווִיסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת אֱמֶת, סִימָן ב): "מֻתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם", מֶען מֶעג זָאגְן לִיגְנְט כְּדֵי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם; זָאג פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִי שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ הָאט זֵיי לִיבּ, אוּן פַאר דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ זָאגְן אַז דַיין מַאמֶע הָאט אִיר לִיבּ אוּן זִי בֶּענְקְט זִיךְ צוּ אִיר, אַזוֹי וֶועט וֶוערְן שָׁלוֹם.

גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ פּוֹעֵל׳ן נִיסִים גְּלוּיִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מְחַזֵק אוּן מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן,**
**בִּפְרַט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י״ט אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז דוּ נֶעמְסְט צַאם גֶעלְט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אוֹיף יוֹם טוֹב מַצוֹת, פִישׁ אוּן פְלֵייש; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס דַארְפְן, וָואס זֶענֶען נִצְרָכִים. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ שֶׁפַע, אִיךְ דַארְף נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אוּן נָאךְ, אִיךְ וִויל זָאלְסְט הֶעלְפְן וֶוער עֶס דַארְף דָאס הָאבְּן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זִיךְ צוּאַיילְן מִיט אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם נֵייעֶם אַלְבּוּם "אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ", וַוייל דִי נִיגוּנִים זֶענֶען מְחַזֵק אוּן מְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים; זֵיי קֶען מֶען אַלֶע אוֹיסְהֵיילְן מִיט דִי כֹּחַ הַנְגִינָה, אַזוֹי וִוי דֶער בֶּעטְלֶער הָאט זִיךְ בַּארוּמְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אִיךְ הֵייל זֵי", מִיט דִי כֹּחַ הַנְגִינָה.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

**עֶנְדֶערְשׁ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַארְטָאגְס, וִוי אֵיידֶער בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער זוּן הָרַב ... שְׁלִיטָ״א**

עֶנְדֶערְשׁ גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי אוּן שְׁטֵיי אוֹיף פַארְטָאגְס לֶערְנֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי אֵיידֶער בְּלַייבְּן אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט. גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב גֵיי אַהֵיים אוּן גֵיי שְׁלָאפְן, אַלֶע דַיינֶע שִׁיעוּרִים זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פַארְטָאגְס אוּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דַיין וַוייבּ.

הָאסְט אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל, אַן אֵשֶׁת חַיִל; זָאלְסְטוּ שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִיר.

נָאכְאַמָאל, בַּיינַאכְט זָאלְסְטוּ גָארְנִישְׁט טוּן. מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט אֵיינֶע פוּן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען בַּיי הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה; נָאךְ מַעֲרִיב הָאט מוֹהֲרָא"ש אִים בַּאגְלֵייט בִּיזְן שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט הֶערְן שִׂיחוֹת, אוּן וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּבּ הָאט רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אַ גוּטֶע נַאכְט". מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס אַלֵיינְס אִיז בַּיי אִים גֶעוֶוען אַ לִימוּד, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

...

זַיי מְחַזֵק דִי אִינְגֶעלֵייגְט פוּן כּוֹלֵל זֵיי זָאלְן קוּמֶען צֵייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער ... שְׁלִיטָ"א, דוֹמֶ"ץ דִקְהִילָתֵינוּ וְרֹאשׁ הַכּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵק דִי אִינְגֶעלֵייגְט פוּן כּוֹלֵל זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ. עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דִי פָּאר אִינְגֶעלַייט ווִי הָאַבְרֵךְ ...., הָאַבְרֵךְ ...., הָאַבְרֵךְ ... - זָאלְן נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ. רֶעד מִיט זֵיי, אֶפְשָׁר הָאבְּן זֵיי אַ שְׁוֶועריקֵייט מִיטְן אוֹיפְשְׁטֵיין, אֶפְשָׁר זָאלְן מִיר שְׁטֶעלְן אַ שַׁמָּשׁ וָואס זָאל אַרוּמְגֵיין קְלַאפְּן אוֹיף דִי פֶּענְסְטֶער; ווַייל נָאר אַז מֶען הַאלְט דִי זְמַנִּים, מֶען אִיז צַייטְלִיךְ - קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מְחַזֵק זַיין מַיין זוּן הָרַב ... צוּ לֶערְנֶען. אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זוּמֶער צַיט זִיךְ מַיין אֵיידֶעם אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אִים אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן אִים שֵׁיין אוֹיסְשְׁלֵייפְן.

...

## מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ מֶען הַאלְט זְמַנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זַיין צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל, מֶען קֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אוֹיבּ מֶען הַאלְט זְמַנִים.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דַיין גֶעהַאלְט, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר קוּם צַייטְלִיךְ. דִי צַייט צוּ זַיין אִין כּוֹלֵל אִיז אַפָּאר מִינוּט פַאר צֶען אַזֵייגֶער, צֶען אַזֵייגֶער דַארְף מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי זִיךְ מְסַדֵר. גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף פַּארְטָאגְס, דַאוֶונְען פְּרִי אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער גַאנְצֶער טָאג וֶועט דִיר גֵיין אַנְדֶערְשׁ.

...

## דִי קְרַאךְ פוּן דִי בֶּענְק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט טוּט זִיךְ אִין דִי נַייעֶס, צְוֵויי בֶּענְק הָאבְּן גֶעקְרַאכְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן ווִי צוּם טוֹיט, דִי גַאנְצֶע אֱמוּנָה זֵייעֶרֶע אִיז צֶעפַאלְן; מֶען לֵייגְט אַוֶועק גֶעלְט אִין בַּאנְק, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן בַּאנְק אָדֶער אוֹיף דִי רֶעגִירוּנְג - אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אִיז גָארְנִישְׁט דָא, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרוּם אָן אַ קָאפּ.

יֶעצְט זֶעט מֶען מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נא): ״הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְעֶה אוֹתָנוּ לְגַמְרֵי״, דִי ווֶעלְט נַארְט אוּנְז זֵייעֶר שְׁטַארְק, ״שֶׁמַּרְאֶה אֶל הָאָדָם כְּאִלּוּ הוּא מַרְוִיחַ בְּכָל פַּעַם״, עֶס זֶעט אוֹיס פַארְן מֶענְטְשׁ ווִי עֶר פַארְדִינְט גֶעלְט, ״וּבַסּוֹף אֵינוֹ כְּלוּם״, אוּן בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט. ״כַּאֲשֶׁר נִרְאֶה בְּחוּשׁ בְּרֹב בְּנֵי אָדָם״, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט דָאס קְלָאר בַּיי רוֹב מֶענְטְשְׁן, ״שֶׁעוֹסְקִים וְעוֹבְדִים יָמִים וְשָׁנִים בִּסְחוֹרוֹת וּמַשָּׂא וּמַתָּן״, וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶרֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט בִּיזְנֶעס אוּן גֶעשֶׁעפְטְן,

"וּלְבַסּוֹף כְּשֶׁבָּאִין לְחֶשְׁבּוֹן אֵין נִשְׁאָר בְּיָדָם כְּלוּם", און בַּיים סוֹף זֶעט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט, "וְאִם אֲפִלּוּ מַשִּׂיג מָעוֹת לוֹקְחִין אוֹתוֹ מִן הַמָּעוֹת", און אֲפִילוּ מֶען הָאט יָא עֶפֶּעס פַּארְדִינְט גֶעלְט, נֶעמְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַוֶועק פון דִי גֶעלְט, "וְהַכְּלָל: שֶׁשְּׁנֵיהֶם אֵין לָהֶם קִיּוּם בְּיַחַד, דְּהַיְנוּ הָאָדָם עִם הַמָּעוֹת", וַוייל בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם בְּלַייבְּן נִישְׁט, "רַק אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הַמָּעוֹת מִן הָאָדָם", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי גֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, "אוֹ שֶׁלּוֹקְחִין הָאָדָם מֵהַמָּעוֹת", אָדֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פון דִי גֶעלְט, "וּמֵעוֹלָם לֹא נִמְצָא שֶׁיִּשָּׁאֵר אֶחָד עִם הַמָּעוֹת, רַק כַּנַּ"ל", עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶועזְן אַזַא זַאךְ אִין דִי וֶועלְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן מִיט זַיין גֶעלְט.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן אַז דִי גֶעלְט אִיז נִישְׁט פַּארְזִיכֶערְט, און רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז אוֹיבּ דִי רֶעגִירוּנְג וֶועט קוּמֶען רַאטֶעוֶוען דִי בַּאנְק - דֶעמָאלְט זֶענֶען מִיר יָא פַּארְזִיכֶערְט; פַּארְזִיכֶער זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַויי און בִּיטֶער וֶוער עֶס פַּארְזִיכֶערְט זִיךְ אוֹיף גֶעלְט, וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דִי רֶעגִירוּנְג אוֹיסְקוֹיפְן דֶעם בַּאנְק און רַאטֶעוֶוען אַלֶע דֶעפַּאזִיטְס, וָואס וֶועסְטוּ טוּן מָארְגְן וֶוען דִי רֶעגִירוּנְג וֶועט אַיינְפַאלְן? וואוּ וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט לוֹיפְן?

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פַּארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר פַּארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין אִים, עֶר לֵייגְט אַוֶועק אִין סֵעיוִוינְגְס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין קְרַאכְן; דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דִי פְּסוּקִים חוּמָשׁ - דָאס בְּלַייבְּט אֵייבִּיג.

הַיינְט נַאכְט וֶועט זַיין אַ פְּרוּוֶוען צַאמְקוּם אִין שְׁטֶעטְל און מָארְגְן וֶועט זַיין אִין יְשִׁיבָה, זֶע דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פון שְׁטוּבּ זִיךְ אָנְשֶׁעפְּן פְּרִישֶׁע כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט עוֹסֵק זַיין אִין צְדָקָה. גֵיי נָאךְ גֶעלְט - אָדֶער פַאר דִיר אָדֶער פַאר מִיר; פַאר מִיר מֵיין אִיךְ נִישְׁט פַאר 'מִיר', אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין גֶעלְט, אִיךְ מֵיין 'דִי מוֹסָד'; דִי מוֹסָד קֶען זִיךְ בִּיז דֶערְוַוייל נִישְׁט דֶעקְן, כָּל זְמַן אַ מְלַמֵּד זִיצְט מִיט אוּנְטֶער צְוָואנְצִיג קִינְדֶער קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט דֶעקְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנח): "אִיךְ זֶע אִיר זֶענְט נִישְׁט עוֹסֵק אִין מִצְוֹת", רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אִין 'גֵיין נָאךְ גֶעלְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זִיךְ גוּט צוּהֶערְן וָואס דִי לֶערֶערִינְס לֶערְנֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגֶא יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן אוֹיף אַייךְ, אַז אִיר זֶענְט אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע תַּלְמִידָה, אַייעֶרֶע לֶערֶערִינְס רֶעדְן פוּן אַייךְ זֵייעֶר גוּטֶע זַאכְן. אִיךְ הָאף אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן אִין שׁוּלֶע אוּן אִיר הֶערְט זִיךְ גוּט צוּ וָואס דִי לֶערֶערִינְס לֶערְנֶען.

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל מֶען קַנְסְ'נֶען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פּוּרִים מִיט אַ טִישׁוּרְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קַנְסְ'נֶען אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט פּוּרִים מִיט אַ טִישׁוּרְט? מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דִי זַאכְן. דֶער עִיקָּר לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים אֱמוּנָה, רֶעד צוּ זֵיי פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, רֶעד צוּ זֵיי פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה; עֶס אִיז נַארִישׁ זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי זַאכְן.

אַ שָׁאד אַז מֶען נֶעמְט אוּמְוויסְנְדֶע מֶענְטְשְׁן פַאר מַשְׁגִּיחִים וָואס מַאכְן פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע זַאכְן. אִין דִי צַייט וָואס בָּחוּרִים פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט רֶעדְן פוּן קְדוּשָׁה אוּן פוּן תְּשׁוּבָה, נִישְׁט פוּן גֵיין אַ כַאלַאט אוּן מִיט אַ צוּגֶעמַאכְטֶע רֶעקְל.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה. שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט חִסָּרוֹן אֱמוּנָה צוּ וֵויינֶען וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט חִסָּרוֹן אֱמוּנָה צוּ וֵויינֶען וֶוען עֶפֶּעס טוּט וֵויי. עֶס אִיז נָארְמַאל אוּן גֶעזוּנְט צוּ וֵויינֶען וֶוען מֶען הָאט וֵוייטָאג, דָאס מֵיינְט נִישְׁט חִסָּרוֹן אֱמוּנָה; חִסָּרוֹן אֱמוּנָה אִיז וֶוען מֶען וֶוערְט בְּרוֹגֶז חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה; וֵויינֶען אִיז נִישְׁט חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, עֶס מֶעג וֵויי טוּן.

שְׁטַארְקְט זִיךְ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז אִיר הָאט אַ מַאן אַ תַּלְמִיד חָכָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, טַאנְצְט פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, אוּן אֲפִילוּ עֶס קוּמְט אַייךְ צוּ וֵויינֶען אַז מֶען הָאט זִיךְ נַארְוָואס גֶעעֶנְדִיגְט רֵיינִיגְן אוּן שׁוֹין נָאכְאַמָאל וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר וֵויינֶען שְׁטִילֶערְהֵייט, אוּן וֶוען אַייעֶר מַאן קוּמְט אַהֵיים - זָאלְט אִיר זִיךְ אָפְּוַואשְׁן דִי טְרֶערְן אוּן מַאכְן אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָפְּהַאלְטְן פוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער מִיט כַּעַס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע אוֹיבּ אִיר מֶעגְט אָפְּהַאלְטְן אַייעֶר מַאן פוּן שְׁלָאגְן וְכוּ׳; אַוַדַאי זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן דִי קִינְדֶער, וַוייל וֶוען מֶען גֵייט אַרַיין אִין כַּעַס, מֶען פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל - קֶען דָאס זַיין זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, אוּן אַז אַייעֶר מַאן גֵייט אַרַיין אִין אַ כַּעַס, עַד כְּדֵי כַּךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט שְׁטֶעקֶעגֶעס דִי קִינְדֶער - זָאלְט אִיר זֵיי בַּאשִׁיצְן.

אִיךְ וֶועל אִים מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן כַּעַס, אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין וַוייבּ בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ שְׁלָאגְן בָּחוּרִים פוּן הֶעכֶער דִי בַּר מִצְוָה, דָאס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה. עֶס וֶוערְט גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (וַיִּקְרָא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל" (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סְעִיף כ), אוֹיךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן, אַז מֶען גֵייט אַרַיין אִין אַ כַּעַס - פַארְלִירְט מֶען דָאס גֶעלְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ, בֶּעט אוֹיף דֶעם בַּאזוּנְדֶער, דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, בֶּעט:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס.

איך פַארְלִיר זִיךְ אוֹיף מַיינֶע קִינְדֶער בִּיז אִיךְ פַארְלִיר מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ שְׁלָאג און צֶעבְּרֶעךְ שְׁטֶעקֶענֶעס אוֹיף זֵיי. הֵיילִיגֶער בָּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, אִיךְ זָאל וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט נֶעבְּן מִיר, דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ און דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוערְן פוּן מַיינֶע קִינְדֶער, אָנָּא זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי מִדָּה מְגֻנָּה פוּן כַּעַס".

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, הָאסְט אַ שֵׁיינֶעם פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, גֵיי צְווִישְׁן דִי גְרָאז, שְׁמוּעֶס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן און נֶערְוֶועז פוּן קֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְסִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דַיין נַייעֶ גֶעשֶׁעפְט, זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה. אַלֶע דִיבּוּרִים זָאלְן זַיין פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען פְרֶעגְט דִיר: "הָאסְט הֶעמֶעדֶער?" זָאלְסְטוּ זָאגְן: "גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר הָאבְּן הֶעמֶעדֶער". און אַז עֶס דַארְף אָנְקוּמֶען פְרִישֶׁע, זָאלְסְטוּ זָאגְן: "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף וֶועט זַיין מָארְגְן"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ אַלְץ מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם גֶעשֶׁעפְט - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר זִי אִיז מַסְכִּים וְכוּ׳; אוֹיבּ אַזוֹי, אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר בְּלֵב שָׁלֵם - וֶועלְן מִיר עֶפֶענֶען אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אֱלוּל אוּנְזֶער חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק, אוּן אִיךְ שְׁטֶעל דִיךְ אַלְס שְׁלִיחַ פַאר דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען קֶען רֵיינִיגְן דִי טוֹיס פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן דָאס נוּצְן פַאר פֶּסַח

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מֶען קֶען רֵיינִיגְן דִי טוֹיס פוּן אַ גַאנְץ יָאר אוּן דָאס נוּצְן פַאר פֶּסַח. אוֹיבּ אִיז צוּ שְׁוֶוער צוּ רֵיינִיגְן דִי שְׁפִּילְצֵייג פוּן אַ גַאנְץ יָאר - קֶען מֶען אַוֶועקְלֵייגְן נֵייעֶ שְׁפִּילְצֵייג פַאר פֶּסַח אוּן דָאס נוּצְן אַלֶע יָארְן, (אַגַב אַזוֹי טוּט מֶען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז דָא שְׁפִּילְצֵייג סְפֶּעצִיעֶל פַאר פֶּסַח).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תְּהִלִּים דֶערְקְווִיקְט דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי זִיבֶּעצִיגְסְטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי זָאגְן תְּהִלִּים, דָאס דֶערְקְווִיקְט דִי נְשָׁמָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפה): ״אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע פָּאנְטְשׁ״, אַ גוּטֶע טְרִינְק פַארְן מֶענְטְשׁ.

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט אֱמוּנָה אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דָאס גוּטְס - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער וֶוערְן פַארְטְרַאכְט אוּן פַארְשְׁפִּילְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען אִיךְ לֶערְן פָאר אִין יְשִׁיבָה פַאר דִי בָּחוּרִים דִי בְּלַאט גְמָרָא בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי - קוּמֶען צוּמָאל אַרַיין מְלַמְדִים פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה (דִי חֵדֶר אוּן דִי יְשִׁיבָה גֶעפוּנֶען זִיךְ אִינֶעם זֶעלְבְּן בִּנְיָן), אוּן הַאלְטְן מִיט דִי גְמָרָא. וֶוען אִיךְ זֶע וִוי אַ מְלַמֵּד פַארְטְרַאכְט זִיךְ, זָאג אִיךְ אִים: ״זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ מְלַמֵּד קֶען זִיךְ פַארְטְרַאכְטְן״, בִּיז דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט אַ שְׁמֵייכְל אוּן פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין, אוּן נֶעמְט דָאס פַאר חִיזּוּק נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי קִינְדֶער וֶוערְן פַארְטְרַאכְט אוּן פַארְשְׁפִּילְט.

אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט נֶעמֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען אַ קִינְד פַארְטְרַאכְט זִיךְ

אָדֶער פַארְשְׁפִּילְט זִיךְ, מִיר אַלֶע פַארְטְרַאכְטְן זִיךְ אוּן פַארְשְׁפִּילְן זִיךְ. וֶועסְט זֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל וִוי עֶרְוַואקְסֶענֶע, אוּן אַמָאל גָאר מְלַמְדִים - שְׁפִּילְן זִיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען, נִישְׁט מִיט קַיין קְלֵיינֶע שְׁפִּילְצֵייג אַזוֹי וִוי קִינְדֶער, נָאר מִיט גְרוֹיסֶע שְׁפִּילְצֵייג; נֶעמֶען אַ גִלְיוֹן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁפִּילְצֵייג. קֶען מֶען דֶען זָאגְן אַז מֶען אִיז שְׁלֶעכְט? קֶען מֶען דֶען טְרַאכְטְן 'דֶער אִינְגֶערְמַאן הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט'? נֵיין, חַס וְשָׁלוֹם; עֶר אִיז פַארְטְרַאכְט, עֶר אִיז פַארְשְׁפִּילְט. אִיז דָאךְ אַוַדַאי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דַארְף מֶען זֵיי צוּרִיקְשְׁלֶעפְּן מִיט רַחְמָנוּת אוּן מִיט לִיבְשַׁאפְט.

אִיךְ קֶען נָאךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן, אִיךְ דַארְף אָבֶער אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

...

**בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שֵׁיינֶע רוּאִיגֶע יוֹם טוֹב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״אַ סְגוּלָה קֶעגְן רְשָׁעִים - שֶׁלֹּא לִפְחוֹד, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן״; קֵיינֶער קֶען אַייךְ גָארְנִישְׁט טוּן, הָאט נִישְׁט מוֹרָא. דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ) עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט אָדֶער מֶען שֶׁעדִיגְט, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט נֵיין, מֶען שְׁלָאגְט נִישְׁט אוּן מֶען שֶׁעדִיגְט נִישְׁט, מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט נָאר, הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה זִיךְ שְׁטֶעלְן נֶעבְּן צַדִּיק, הָאט מֶען מֶער קַיין מוֹרָא נִישְׁט.

דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דֶער מֹחַ מַחְשָׁבָה טְרַאכְט נָאר פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מֶען הָאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט קַיין מוֹרָא.

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ זַיין יוֹם טוֹב; גֵייט צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן אַייעֶר מַאן'ס עֶלְטֶערְן, יֶעצְט וֶוען אִיר הָאט גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גוּט צוּ גֵיין צוּ דִי עֶלְטֶערְן.

בְּנוֹגֵעַ אַז בַּיי אַייעֶר טַאטֶע אִיז דֶער סֵדֶר צוּמָאל אַ גֵיהִנוֹם, מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ, אוּן אוֹיב עֶס גִיסְט זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי כּוֹסוֹת וֶוערְט אַ כַּעַס מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי; אוֹיף דֶעם אִיז דָא אֵיין עֵצָה, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעצְט אַסַאךְ תְּפִילוֹת אַז יוֹם טוֹב זָאל זַיין שֵׁיין אָן קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן.

בְּנוֹגֵעַ דִי פְרוֹי וָואס קוּמְט רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּב אוּן אַייעֶר קִינְד לוֹיפְט אִיר נָאךְ וְכוּ'; מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט שִׂמְחָה, שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי קְרַאךְ פוּן דִי בֶּענְק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאוֶּועֶנְסְט טָאג אַיין טָאג אוֹיס - אָן מִנְיָן, נוּ וָואס ווִילְסְטוּ? פוּן וואוּ זָאל קוּמֶען דִי שֶׁפַע? פוּן וואוּ זָאל קוּמֶען דִי פַּרְנָסָה?! מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "דַאוֶּועֶנֶען מִיט מִנְיָן - בְּרֶענְגְט שֶׁפַע".

גֵיי דַאוֶּוען מִיט מִנְיָן, זַיי נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם - וֶועסְטוּ זֶען דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אִין שׁוּל בַּיים דַאוֶּועֶנֶען; וֶועסְטוּ זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן פוּן אַלֶע קְרֶענְק.

וּבְחָנוּנִי נָא בְּזֹאת, וֶועסְט זֶען; אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, דַאוֶּועֶנֶען מִיט מִנְיָן אוּן נִישְׁט רֶעדְן בַּיים דַאוֶּועֶנֶען - וֶועט זִיךְ גִיסְן בַּיי דִיר שֶׁפַע אוּן דוּ וֶועסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

זֶע צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען גֵיין צוּ דִי פְּרוֹיעֶן

צַאמְקוּם. מֶען גֵייט רֶעדְן ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, ווִי אַזוֹי מֶען מַאכְט פֶּסַח׳דִיג אוּן נָאךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֵיין סֵפֶר, אֵיין קוּנְטְרֵס וָואס מֶען אִיז מֵפִיץ טוּט אַסַאךְ מֶער אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין מֶעסֶעדְזְשׁ.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיךְ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֵוייסְט שׁוֹין קְלָאר אַז אִיךְ גֶעבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערְוְויוּ פַאר קַיין שׁוּם אוֹיסְגַאבֶּע אוּן קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג, אוּן אִיךְ זָאג פַאר אַלֶע מַיינֶע צוּהֶערֶער נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט דִי זַאכְן, אִיז פַארְוָואס פְרֶעגְסְטוּ מִיךְ אִיבֶּער?

דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ תַּלְמִיד פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, דוּ הָאסְט דָאךְ קְלָאר גֶעהֶערְט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט צוּ זָאגְן בְּנוֹגֵעַ צֵייטוּנְגֶען אוּן אוֹיסְגַאבֶּעס; אִיז מִיר אַ ווּאוּנְדֶער אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיךְ נָאכְאַמָאל. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, וָואס הָאט אַזוֹי שֵׁיין אוּן קְלָאר אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס תּוֹרוֹת פַאר אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע מֹחוֹת. ווַייל אֵיין סֵפֶר, אֵיין קוּנְטְרֵס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיַּד לְיַד פַאר אַ בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן - הָאסְטוּ מֶער גֶעטוּן ווִי רֶעדְן מִיט דִי כְּלֵי שׁוֹפְכִין וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְּן דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וַואקְלְדִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״א אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע פוּן אַייעֶר תַּלְמִידָה וָואס פְרֶעגְט, זִי הָאט אַ חַבֶר׳טֶע וָואס שְׁלֶעפְּט אִיר אַרָאפּ אוּן זִי הָאט מוֹרָא אַז אוֹיבּ זִי וֶועט אִיר אָפְּלָאזְן וֶועט זִי זַיין שׁוּלְדִיג אוֹיף אִיר רוּחָנִיּוּת; זִי וִויל וִויסְן וָואס אִיז וִויכְטִיגֶער, זִי פְּרֶעגְט וָואס צוּ טוּן?

זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידָה זִי זָאל טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ, פוּן אִיר נְשָׁמָה; זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע חַבֶר׳טֶעס, זִי זָאל אָפְּלָאזְן דִי מֵיידְל; קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְחַנְכוֹת.

וָואס יָא, אִיר דַארְפְט זִיךְ פַארְלֵייגְן יֶעצְט אוֹיף דִי מֵיידְל. אִיר אַלְס לֶערֶערִין דַארְפְט אַרַיינְלֵייגְן אַייעֶר גַאנְצֶע נְשָׁמָה אִין דֶעם קִינְד, אִיר זָאלְט מְקָרֵב זַיין דָאס קִינְד, אִיר זָאלְט לִיבּ הָאבְּן דָאס קִינְד אוּן אִיר עֶנְטְפֶערְן אַלֶע אִירֶע פְרַאגֶעס, אוּן וֶוען זִי פְרֶעגְט פְרַאגֶעס אוֹיף אֱמוּנָה - זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין קַיין טַעֲנוֹת, נָאר רֶעדְן קְלָארֶע וֶוערְטֶער: ״דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְנְ׳ס תְּפִילוֹת״.

אַ לֶערֶערִין אִיז אַ צְוֵוייטֶע מַאמֶע פַאר דִי קִינְדֶער; וָואס טוּט אַ מַאמֶע לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם וֶוען אֵיין קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט? דִי מַאמֶע לָאזְט אָפּ אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן פַארְלֵייגְט זִיךְ אוֹיף דֶעם קִינְד; אַזוֹי דַארְף אַ לֶערֶערִין טוּן, כַאפְּן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען וַואקְלְדִיג אוּן זֵיי וַוייזְן דָאס מֶערְסְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דִי בָּחוּרִים רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט נִיבּוּל פֶּה, זָאל עֶר פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז דִי פְּרַאגֶע, אַוַדַאי זָאל עֶר אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי יְשִׁיבָה; אַז דִי בָּחוּרִים רֶעדְן טָאג אוּן נַאכְט נִיבּוּל פֶּה - זָאל עֶר פוּן דָארְט אַנְטְלוֹיפְן!

לֵיידֶער וֶוערְט מְקוּיָם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, וָואס וֶועט זַיין אֵיידֶער מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט קוּמֶען. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מב:): "בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא ... בֵּית וַעַד יִהְיֶה לִזְנוּת", דִי יְשִׁיבוֹת וֶועלְן זַיין אַ פְּלַאץ פַאר עֲבֵירוֹת; לֵיידֶער וֶוערְט דָאס מְקוּיָם, מֶען רֶעדְט צְוִוישְׁן דִי בָּחוּרִים עֲבֵירוֹת, נִיבּוּל פֶּה, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דַיין זוּן מִיט דִיר צוּ דִי אַרְבֶּעט ווִי אֵיידֶער עֶר זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר זֵיי; דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דִי פְּרַאגֶע, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא הֲלָכוֹת אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז מֶער אַ גֶעפִיל זַאךְ. מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען

זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידֶעלֶע קְלֵיידֶער, אֵיידֶעלֶע שִׁיךְ, מִיט אֵיידֶעלֶע בַּאשֵׁיידֶענֶע קָאלִירְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דָאס לֶעבְּן זִיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, וַוייל פוּן אֵיין זַייט זָאגְן מֶענְטְשְׁן אִיךְ זָאל אוֹיפְהֶערְן שְׁרַייבְּן אוּן מֶען זָאגְט דֵעוֹת, שְׁרַייבּ אַזוֹי שְׁרַייבּ נִישְׁט אַזוֹי, אוּן וֶוען אִיךְ בַּאקוּם גְרוּסְן פוּן מֶענְטְשְׁן ווִי זֵיי זֶענֶען זִיךְ פָּשׁוּט מְחַיֶ' מִיט דִי בְּרִיוו - גֶעבְּט דָאס חִיזוּק וַוייטֶער צוּ שְׁרַייבְּן.

שְׁטַארְק זִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר. דָאס לֶעבְּן אִיז ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט דָאס אוּן ווִי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף דֶעם; אַז מֶען וֵוייסְט 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, אוּן אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה' - אִיז דָאס לֶעבְּן אַ זִיסֶע זַאךְ, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אֱמוּנָה - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

נֶעכְטְן נַאכְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין מִשְׁפָּחָת ..., זֵייעֶר זוּן הַבָּחוּר יוֹסֵף אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן. עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר אַפָּאר יָאר, בִּיז

זַיי הָאבְּן זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן פוּן ווילְיַאמְסְבּוּרְג. דֶער בָּחוּר יוֹסֵף עָלָיו הַשָּׁלוֹם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּן שְׁטֶענְדִיג לִיבּ גֶעהַאט צוּ דַאוֶועגֶען, וֶוען אִיךְ פְלֶעג אִים זֶען - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: "יוֹסִי, דֶער רֶבִּי וָואלְט דִיךְ אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט לִיבּ גֶעהַאט פָּשׁוּט, פְּרָאסְט. אַזוֹי ווי רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקכ): "הָיָה אוֹהֵב מְאוֹד אֶת הָעֲבוֹדוֹת הַפְּשׁוּטוֹת שֶׁל הָאֲנָשִׁים הַפְּשׁוּטִים יִרְאֵי ה' וְכוּ'", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי וֶועג ווי אַזוֹי פָּשׁוּט'ֶע אִידְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְהָיָה אוֹהֵב מְאֹד מִי שֶׁיָּכוֹל לוֹמַר הַרְבֵּה תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת בְּתוֹךְ הַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וְכוּ'", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט לִיבּ גֶעהַאט דִי וָואס זָאגְן אַסַאךְ תְּפִילוֹת אִין דִי גְרוֹיסֶע גְרָאבֶּע סִידוּרִים.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס, דִיר צוּ גֶעבְּן אַ קִיצְל, אַ וֶועק אוֹיף, זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן זֶען וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - דָאס נֶעמְט מֶען מִיט, עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעטַאנְצְן אִין יְשִׁיבָה מִיט אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר שְׁמוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן דִי נִיגוּן פוּן "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; עֶס אִיז אַזַא שִׂמְחָה וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם אוּן רַשִׁ"י אוּן מֶען עֶנְדִיגְט דִי פַּרְשָׁה.

דַאֲגָה נִישְׁט פַאר גֶעלְט אוֹיף יוֹם טוֹב פֶּסַח, גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח וֶועט זַיין, עֶנְדֶערְשׁ גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווי נֶעמְט מֶען דִי קְדוּשָׁה פוּן פֶּסַח? ווי אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע קַטְנוּת הַדַּעַת?"**

אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי קִינְדֶער. אַלֶע וָואכְן מִיטְוָואךְ גֵיי אִיךְ אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג פְּרַאוֶוען סִיוּמִים פוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען מְסַיֵּים בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ מִשְׁנָיוֹת וְכַדּוֹמֶה.

אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפֶּעטֶער שְׁרַייבְּן נָאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְפְן דֶעם מַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הֶעלְפְט אַייעֶר מַאן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי, וֶועקְט אִים אוֹיף; אַזוֹי וֶועט עֶר קֶענֶען זַיין אִין כּוֹלֵל. וֶוען דֶער מַאן בֶּעט דִי וַוייבּ הִילְף אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִין צַייט - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר בֵּיידֶע.

מִיטְן הֶעלְפְן דֶעם מַאן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - וֶוערְט מֶען נִישְׁט אַ מַשְׁגִּיחַ אָדֶער אַ פָּאלִיס לֶעדִי - וִוי אִיר רוּפְט עֶס, הֶעלְפְן דֶעם מַאן זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶערְנֶען - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) אִין דִי שְׂכַר וָואס דִי פְרוֹיעֶן הֶעלְפְן דֶעם מַאן גֵיין לֶערְנֶען אוּן וַוארְטְן אָפּ דֶעם מַאן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן לֶערְנֶען - דָאס אִיז דִי שְׂכַר, דִי גַן עֵדֶן פַאר זֵיי; שְׁרֵייעֶן אוֹיפְן מַאן, אַרָאפְּקוּקְן דֶעם מַאן וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט - דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

וֶועקְט אוֹיף אַייעֶר מַאן אִינְדֶערְפְרִי, הֶעלְפְט אִים קוּמֶען אִין כּוֹלֵל אִין צַייט, דָאס וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן. וַוייל וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְּרִי, מֶען דַאוֶונְט פְּרִי, מֶען אִיז צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל - אִיז מֶען אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע, אוּן פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט - אִיז מֶען צֶעבְּרָאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז מֶען קוּמְט פִּינְקְט אִין צַייט, אִיז דֶער דַאוֶּוענֶען אַ מְחַיֶּ'

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען דַאוֶּוענְט צוּ שְׁנֶעל פַאר דִיר - קֶענְסְטוּ קוּמֶען אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן דַאוֶּוענֶען שְׁטַייט אוּן גֶעלַאסְן. אִיךְ טוּ אוֹיךְ אַזוֹי, וֶוען אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ דַאוֶּוען מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן - לֶייג אִיךְ טַלִית אוּן תְּפִילִין אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ צַייט צוּ זָאגְן דִי תְּפִלָּה קוֹדֶם הַתְּפִלָּה מִיט דִי קָרְבָּנוֹת, אוּן אִיךְ הוֹיבּ אָן דַאוֶּוענֶען פְּסוּקֵי דְזִמְרָה אֵיידֶער דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הוֹיבְּט אָן, אַזוֹי קֶען אִיךְ מִיט דַאוֶּוענֶען.

אַז מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט אוּן אַז מֶען קוּקְט אִינֶעם טֶעלֶעפָאן בַּיים דַאוֶּוענֶען - קֶען מֶען טַאקֶע נִישְׁט מִיט דַאוֶּוענֶען, אָבֶּער אַז מֶען קוּמְט פִּינְקְט אִין צַייט אוּן מֶען רֶעדְט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן מֶען הַאלְט נִישְׁט מִיט זִיךְ דֶעם טֶעלֶעפָאן - אִיז דֶער דַאוֶּוענֶען אַ מְחַיֶּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן וֶועלְן זוֹכֶה זַיין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"ג אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט פַארְמִיטָאג בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְל בַּאקְן מַצּוֹת, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ מַצּוֹת וָואס וֶוערְן גֶעבַּאקְן דוּרְךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; פוּנֶעם קְנֶעטֶער, פוּנֶעם וַואסֶער גִיסֶער, בִּיזְן שִׁיבֶּער, בִּיזְן פַּאקֶער - אַלֶע רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶע לִיפְּן שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילוֹת אוּן לוֹיבּ אוּן דַאנְק וֶוערְטֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

אַמָאל עֶרֶב פֶּסַח וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעבַּאקְן עֶרֶב פֶּסַח מַצּוֹת הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעקָאכְט, אוּן גֶעזָאגְט:

"מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אִין יְרוּשָׁלַיִם", הָאט אַ אִיד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי, אוֹיפְן זֵייגֶער שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט; יֶעצְט אִיז שׁוֹין אִין יְרוּשָׁלַיִם פֶּסַח בַּיינַאכְט, ווִי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז מִיר זָאלְן נָאךְ קֶענֶען זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם, עֶס נֶעמְט דָאךְ צַייט דָאס פָּארְן, זִיךְ מְטַהֵר זַיין, אוּן ווִי נֶעמְט מֶען דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח וְכוּ'", הָאט דֶער הֵיילִיגֶע מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "אַז בַּיי דִיר שְׁטִימְט עֶס נִישְׁט - וֶועסְטוּ דָא בְּלַייבְּן, אוּן דִי אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן - וֶועלְן נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין יְרוּשָׁלַיִם אוּן עֶסְן דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח".

בַּיים בַּאקְן דִי מַצּוֹת הָאב אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן אַ מַשֶּׁהוּ חָמֵץ אוּם פֶּסַח, אוּן נָאךְ זוֹכֶה זַיין דִי יָאר צוּ עֶסְן "מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים" (פְּסָחִים קטז:); אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

שַׁבָּת אִיז דֶער מְקוֹר פוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן דֶער יְסוֹד פַאר אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע לִיבֶּע בְּרִידֶער, טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי מוֹהֲרַא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

דִי וָואךְ זֶעעֶן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט צַאמְגֶענוּמֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען גֵייט שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם מִשְׁכָּן, אָבֶּער אֵיידֶער מֶען גֵייט רֶעדְן פוּן דִי מִשְׁכָּן רֶעדְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן שַׁבָּת; מֶען זָאל הִיטְן שַׁבָּת, מֶען זָאל נִישְׁט אָנְצִינְדְן אַ פַייעֶר שַׁבָּת, אוּן וֶוען עֶר עֶנְדִיגְט רֶעדְן פוּן שַׁבָּת - הוֹיבְּט עֶר אָן רֶעדְן פוּנֶעם מִשְׁכָּן, אוּן פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם מִשְׁכָּן.

וָואס הָאט שַׁבָּת אַ שַׁיְיכוּת מִיט הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן? רַשִׁ"י זָאגְט, דִי תּוֹרָה

ווִיל אוּנְז זָאגְן אַז הֲקָמַת הַמִּשְׁכָּן אִיז נִישְׁט דוֹחֶה שַׁבָּת. נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ וָואס מִיר לֶערְנֶען פוּן דֶעם; אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ מִשְׁכָּן, מֶען ווִיל מַאכְן דִי שְׁטוּבּ אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה - דַארְף מֶען ווִיסְן אַז שַׁבָּת אִיז דֶער יְסוֹד, שַׁבָּת אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ, שַׁבָּת אִיז דִי מְקוֹר פוּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן דֶער יְסוֹד פַאר אוֹיפְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט אוּנְז שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵּק זַיין מִיר זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן מִיר זָאלְן אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ. בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יָמִים טוֹבִים, דֶעמָאלְט קוּמֶען דִי קְלִיפּוֹת, זֵיי זִיצְן אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוארְטְן ווִי זֵיי קֶענֶען מַאכְן אַ פֵּירוּד צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן פַארְטְרַייבְּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה.

טַייעֶרֶע בְּרִידֶער, דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר 'שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ', מִיר דַארְפְן זִיךְ יֶעצְט בַּאנַייעֶן, אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. זִיךְ מְיַיחֵד זַיין אַ צַייט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ כִּידַבֵּר אִישׁ לְרֵעֵהוּ, אוּן אוֹיךְ זִיךְ בַּאנַייעֶן אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג בֶּעט אִיךְ אַייךְ, הֶעלְפְט אִין שְׁטוּבּ אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם פֶּסַח, אוּן הֶעלְפְט בַּיי אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב אוּן מַאכְט עֶס מִיט שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דָאס הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס מֵיינְט מֶען הָאט נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אִין אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֵוייסְט אַז וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט.

מַאכְט אַייךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דִי מִידְיָא וָואס גִיסְן פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְל אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אַז אֵיינֶער פְרֶעגְט אַייךְ: "וָואס אִיז דָאס? וָואס גֵייט

פָאר?״ זָאלְט אִיר נִישְׁט ענְטְפֶערְן, נָאר וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין מִיט אַייעֶר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם. אוּן אַז אִיר אַלֵיין הָאט קַשְׁיוֹת אוּן פְרַאגֶעס - זָאלְט אִיר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מו): ״וְהַמְּנִיעָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַמְּנִיעוֹת, הִיא מְנִיעַת הַמֹּחַ, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁמֹּחוֹ וְלִבּוֹ חֲלוּקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ אוֹ מֵהַצַּדִּיק״, דֶער גְרֶעסְטֶער מְנִיעָה אִיז, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן הָאבְּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער אוֹיפְן צַדִּיק, ״זֹאת הַמְּנִיעָה מוֹנֵעַ אוֹתוֹ יוֹתֵר מִכָּל הַמְּנִיעוֹת״, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צוּרִיק הַאלְט פַארְן מֶענְטְשׁ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וַוייל כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ בְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּי׳ן, מֶען ווִיל פַארֶעכְטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אוּן מֶען זוּכְט אַ תִּיקוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְוָוארְפְן וֶוערְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן מַחֲלֹקֶת מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריִקְייטְן - וֶועט עֶר זִיךְ קְרִיגְן מִיט דִי מְנִיעָה אוּן עֶס בֵּייקוּמֶען, אָבֶּער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס, עֶר פַארְלִירְט זַיין אֱמוּנָה, עֶר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְן צַדִּיק - דָאס אִיז שׁוֹין אַ בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה; אַז מֶען טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה, קְדוּשָּׁה - דָאס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער. ״וַאֲזַי צָרִיךְ לִצְעֹק לְאָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם בְּקוֹל חָזָק מֵעִמְקֵי הַלֵּב״, דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן הַארְץ: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ? אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִּיקִים? אוֹיף אַ צַדִּיק וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל ווִיסְן פוּן דִיר, אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אַז אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ לָשׁוֹן הָרָע אוּן אִיךְ בִּין עֶס מְקַבֵּל״.

״קֻשְׁיָא״ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: ״׳שְׁמַע יְיָ קוֹלִי אֶקְרָא׳, שֶׁצָּרִיךְ רַק לִקְרוֹת לַה׳, כְּשֶׁמִּתְגַּבֵּר עָלָיו הַקֻּשְׁיָא וְהַכְּפִירָה״, מֶען דַארְף וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר דִי קַמְבַּיִתְשְׁיוֹת אוּן כְּפִירוֹת.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס נָאר וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק

פוּן וָואס עֶס גֵייט פָּאר יֶעצְט; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט צוּ שְׁרַייבְּן בִּכְלַל פוּן דֶעם, בַּיי מִיר אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט, רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן פוּן דִי וָואס שְׁרַייבְּן דָאס; וֶוער עֶס קֶען זַיי פוּן דֶער נָאנְט וֵוייסְט אַז דִי זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע אוּן גֶעפַּאלֶענֶע, עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ רֶעדְן בִּכְלַל פוּן דֶעם.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר קֵיינֶעם, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מוֹהֲרָא"שׁ - זָאלְסְטוּ זָאגְן נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוּן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ מוּזְט עֶפֶּעס טוּן - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילּוֹת, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט רוּאִיג אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אַזוֹי דִי צַדִּיקִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְנֶעמֶען מִיט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ, אוּן שָׁלוֹם מַאכְן אִין שְׁטוּבּ.

פָּאלְג מִיךְ, אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ רֶעד. אִיךְ בִּין שׁוֹין כִּמְעַט צְוָואנְצִיג יָאר דָא בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ. אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ עֶרְנְסְט - דִי זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן דִי וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען צוּ טַעֲנָה'ן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוּן זִיכֶער מַאכְן אַז אַלֶע פְרַאגֶעס וֶוערְן פַארֶענְטְפֶערְט וְכוּ' - דִי זֶענֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען אַלֶעס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, הַחוֹדֶשׁ, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיָ', צְפַת**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

איך וויל אייך זייער בעטן איר זאלט זיך שטארקן צו זיין פרייליך. פארגעסט אלעס וואס איז געווען, טראכטס נישט אלטע מעשיות; די אלטע מעשיות ברענגט נאר ווייטאג, טראכטס 'דער אייבערשטער איז מיט מיר, ביי מיר, נעבן מיר', טראכטס אז דער אייבערשטער האט אייך ליב, ערווארט צו הערן אייער קול ווי איר בעט אים.

ארבעטס אויף שמחה, דאס איז די וויכטיגסטע זאך; אז מען איז פריילעך - האט מען אלעס, און אז מען איז טרויעריג קען מען אלעס האבן און מען האט גארנישט.

די נארישע פארטעמפטע טערעפיסטן האבן א וועג ווי מער מאכן דעם מענטש נאכאמאל טראכטן פון זיין אלטע ווייטאג, עס איז ביי זיי א גאנצע זאך ווי מען קען מאכן דער מענטש זאל חזר'ן אלטע ווייטאג. ביים רבי'ן איז פארקערט, דער רבי זאגט איך האב ליב ווען מען פארגעסט וואס איז געווען און מען באנייט זיך, נאר אזוי קען מען מצליח זיין.

פארגעסט פון די אלטע ווייטאג, הויבט אן פונדאסניי, און בעטס אויף שמחה. בעטס דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער איך וויל זיין פריילעך, העלף מיר איך זאל פארגעסן אלע אלטע ווייטאג"; וועט איר זיין גליקליך און צופרידן.

א גוט שבת.

געבט א גרוס אייערע טייערע עלטערן.

...